**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/22/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט נייע אדמיניסטראציע באשטימונגען**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן נייע אדמיניסטראציע באשטימונגען.

"אין די צייט וואס מיין אדמיניסטראציע ארבעט צו צושטעלן רעזולטאטן פאר אלע ניו יארקער, איז קריטיש אז מיר זאלן ברענגען די בעסטע און קלוגסטע צו לייזן אונזער סטעיט'ס וויכטיגסטע פראבלעמען און פירן די וועג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט די פארשידענע הונטערגרונדן און פילע ערפארונג וואס מיר לייגן צו צו אונזער טיעם, וועלן מיר ארבעטן מיט פארטנערס אויף אלע פראנטן צו רוקן אונזער סטעיט פאראויס און ענדיגן די ארבעט פאר ניו יארקער."

**דזשעפרי ה. פערלמאן** איז אויפגענומען געווארן אלס **ספעציעלע קאונסעל צו די גאווערנאר.** מר. פערלמאן האט יעצט געענדיגט סערווירן א צווייטער טערמין אלס די דירעקטאר פון די אויטאריטעטן באדזשעט אפיס, דעזיגנירט צו מאכן פאבליק אויטאריטעטן טראגן מער פאראנטווארטליכקייט און האבן וויניגער פריוואטקייט מיט זייער באשלוסן, און זיך אויפצופירן פאר'ן בעסטן אינטערעס פון די פאבליק אינאיינעם מיט זייער געוואונטשענעם ציל. ער האט פריער סערווירט אלס טשיעף און סטעף און קאונסעל צו ליוטענענט גאווערנער קעטי האקול. פארדעם, האט מר. פערלמאן סערווירט אלס טשיעף און סטעף צו די ניו יארק סטעיט סענאט דעמאקראטישע קאנפערענץ. מר. פערלמאן איז אויך פריער געווען און קאונסעל צו די אדוואקאט פירמע Greenberg Traurig וואו זיין פעלד פון פראקטיק האט ארייננגערעכנט רעגירונגס געשעענישן און ליטיגעישאן, ספעציעל אין עטיקס (Ethics), פרייהייט פון אינפארמאציע געזעץ (Freedom of Information Law), עלעקשין געזעץ (Election Law) און אנדערע קליענט פארבינדענע ענינים. אויך, איז מר. פערלמאן געווען א געהילף קאונסעל צו גאווערנער דעיוויד פאטערסאן. מר. פערלמאן האט סערווירט אלס א שטאב מיטגליד אין די ניו יארק סטעיט אסעמבלי און ניו יארק סטעיט סענאט וואס אין דעם צייט האט ער געארבעט פאר מעמבער פון די אסעמבלי איוואן לאפאיעט, און סטעיט סענאטארן ליז קראוגער, מארטין קאנאר, דעיוויד פאטערסאן, דזשערעמי ווײנשטיין, דאנאלד האלפערין, און מאנפרעד ארענשטיין. מר. פערלמאן האט אויך סערווירט אלס געזעצליכע אינטערן צו ניו יארק העכסטע געריכט ריכטער לאויס בענזא. ער איז א גראדזשועט פון SUNY ניו פאלץ און אלבאני געזעץ שולע און וואוינט אין אלבאני, ניו יארק.

**מיקא לאשער** איז אויפגענומען געווארן אלס **דירעקטאר פון פאליסי.** מר. לאשער האט סערווירט אין א צאל פירערשאפט ראלעס אין די פריוואטע, פאבליק, און נאנ-פראפיט געמיינדעס. ער איז געווען הויפט פון פאליסי און קאמיוניקאציעס פאר Sidewalk Labs, אן אלפאבעט (Google) פירמע וואס לייגט געוויכט אויף פארגעשריטנקייט אין טעכנאלאגיע און שטאטישע דעזיין צו אדרעסירן שוועריקייטן וואס סיטיס איבער די וועלט ספראווען זיך מיט. פארדעם האט ער סערווירט אלס טשיעף און סטעף אין די אפיס פון די ניו יארק סטעיט אטורני דזשענערעל וואו ער האט אנגעפירט א רעגירונגס ארגאניזאציע פון 1,800 איינגעשטעלטע, זייענדיג די דירעקטע אויפזעער פאר הויכע-פראפייל און סענסיטיווע ענינים, און געהאלפן פעסטשטעלן ניו יארק אלס א פארגעשריטענע פירער צווישן סטעיט אטורניס דזשענערעל. אלס דירעקטאר פון סטעיט לעגיסלאטיווע אפעירס פאר די סיטי פון ניו יארק פון 2010 ביז 2012, האט מר.

לאשער פארגעטראטן מעיאר מייקעל ר. בלאמבערג פאר ניו יארק סטעיט רעגירונג, פירנדיג די ארבעט פון צאמשטעלן און ווייטער שטופן די לעגיסלאטיווע פלאן פון מער פון פופציג סיטי אגענטורן, און פירנדיג קאמפליצירטע אפמאכן מיט די גאווערנער און לעגיסלאטור. מר. לאשער איז אויך געווען עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון אויסערליכע אפעירס פאר די ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון עדיוקעישאן, א העלפער פאר קאנגרעסמאן דזשערי נאדלער און א פאונדינג פארטנער פון די קאמיוניקאציעס קאנסולטינג פירמע וואס ווערט היינט אנגערופן SKDKnickerbocker. אקטיוו פארמישט אין די ציווישע און פאליטישע אפעירס פון ניו יארק סטעיט, האט מר. לאשער סערווירט אלס א טראסטי פון עטליכע נאנ-פראפיט ארגאניזאציעס, אריינגערעכנט די Riverside Park Conservancy (וואו ער טשעיר'ט), די Community Service Society, און Everytown for Gun Safety. מר. לאשער איז א גראדזשועט פון ניו יארק יוניווערסיטעט וואו ער האט באקומען זיין BA אין סאושיאלאגיע.

**לאני ט. טריעט** איז אויפגענומען געווארן אלס **דעפיוטי דירעקטאר פון פאליסי.** מר. טריעט האט לעצטנס סערווירט אלס געהילף דעפיוטי דירעקטאר פון די אפיס פון פראגראם און קאונסעל אין די ניו יארק סטעיט סענאט אנפירנדיג א גרופע פון פאליסי אנאליסטן און קאונסעלן. פארדעם, האט ער סערווירט אלס וויצע פרעזידענט פון אויסערליכע אפעירס פאר די העכערע עדיוקעישאן סערוויסעס קארפאראציע און אלס די געהילף דעפיוטי סעקרעטאר פאר עדיוקעישאן אין די עקזעקיוטיוו טשעימבער פון די גאווערנאר'ס אפיס. מר. טריעט האט אנגעהויבן זיין קאריערע מיט די ניו יארק סטעיט אסעמבלי וועגן און ריסארסן (Ways and Means) קאמיטי וואו ער האט געשטיגן פון די ראלע פון אנאליסט צו דעפיוטי דירעקטאר פון באדזשעט שטודיעס. מר. טריעט האט פארדינט זיין באטשעלאר אוו ארטס אין רעגירונג פון דארטמאוט קאלעדזש און זיין מאסטער פון פאבליק אדמיניסטראציע פון מאקסוועל שולע פון בירגערשאפט און פאבליק אפעירס ביי סיראקיוז יוניווערסיטעט.

**טשעטאד פלויד** איז אויפגענומען געווארן אלס **דעפיוטי סעקרעטאר פאר לעגיסלאטיווע אפעירס און פאליסי.** איידער זיין אויפנעמונג אלס דעפיוטי סעקרעטאר, האט מר. פלויד סערווירט אלס די דירעקטאר פון לעגיסלאטיווע אפעירס וואו ער האט סערווירט אלס א פארמיטלער צווישן די סענאט און אסעמבלי און איז אויך געווען באשטימט איבער ספעציעלע פראיעקטן אזויווי די ניו יארק סטעיט וואקסין גלייכקייט טעסק פארס (New York State Vaccine Equity Task Force) צושטעלנדיג עדיוקעישאן און אוטריטש צו געמיינדעס פון קאליר. איידער'ן זיך אנשליסן מיט'ן גאווערנער, איז מר. פלויד געווען די דעפיוטי טשיעף אוו שטעף פאר די ניו יארק סיטי מעיאר'ס אפיס. דורכאויס זיין צייט אין סיטי האל, האט מר. פלויד סערווירט אין פארשידענע ראלעס אריינגערעכנט אינטערים-דירעקטאר פון סטעיט לעגיסלאטיווע אפעירס, זייענדיג איבער אלע סטעיט לעגיסלאטיווע פראבלעמען אינעם סיטי אזוי אויך ווי די דירעקטאר פון אינטער-רעגירונגס אפעירס פאר די מעיאר'ס אפיס פון קרימינאלע געריכט. מר. פלויד האט אנגעהויבן זיין קאריערע אין סטעיט סערוויס אלס א לעגיסלאטיווע מאן פאר סענאטאר רוט האסעל-טאמפסאן (בראנקס/וועסטשעסטער) און אויך סערווירט אלס לעגיסלאטיווע באדזשעט אנאליסט פאר די וועגן און ריסארסן קאמיטי אין די ניו יארק סטעיט אסעמבלי. מר. פלויד קומט פון קאלומביע, סאוט קאראליינע און האט א באטשעלער'ס דעגרי אין אמעריקאנע שטודיעס פון עמארי יוניווערסיטעט און א דזשוריס דאקטאראט פון די יוניווערסיטי פון סינסאנעטי קאלעדזש פון געזעץ.

**ווערא ניסע נג** איז אויפגענומען געווארן אלס **געהילף סעקרעטאר פאר לעגיסלאטיווע אפעירס**. איידער'ן זיך אנשליסן מיט די גאווערנער'ס אפיס, האט מס. נג געהאלפן די ניו יארק סטעיט סענאט פארזיכערן א שטארקע מערהייט אלס א הויפט פירער קאנסולטאנט ביי The Parkside Group. מס. נג האט פארדעם סערווירט אלס דירעקטער פון אויסערליכע אפעירס פאר דאן-ליוטענענט גאווערנער האקול און האט פריער געארבעט אין אויסערליכע פארבינדונגען ביי די סענאט דעמאקראטישע קאנפערענץ, און אלס קאמיוניקאציעס דירעקטער פאר דאן-קאונסיל מיטגליד מארק וועפרין. זי האט א BA אין פאליטישע סייענץ און אנטראפאליגיע פון האנטער קאלעדזש. געבוירן און אויפגעוואקסן אין קווינס, זי וואוינט אין דזשעקסאן הייטס, איז א 2 מאליגע מאראטאנער און א רעקארד האלטנדע וואג-אויפהויבער.

**סאנדרא ריווערא, אדוואקאט** איז אויפגענומען געווארן אלס **הויפט עדווייזער פאר לעגיסלאטיווע אפעירס.** פארדעם, איז מס. ריווערא געווען אין פריוואטע פראקטיק געבנדיג עצות פאר קליענטן אויף פארשידענע ענינים פארבינדן מיט טעכנאלאגיע און עקאנאמישע אנטוויקלונג, העלט און יומען סערוויסעס, און קרימינאלע און סאושעל געריכט. לעצטנס, האט זי סערווירט אלס פרינציפעל פון איר אייגענע פירמע, Rivera Law, PLLC. אויך, איז זי אויפגענומען געווארן אלס א קאמישאנער פון די אפיס פון געריכט אדמיניסטראציע'ס פראנקלין ה. וויליעמס געריכט קאמישען. זי האט אויך סערווירט אין פארשידענע פירערשאפט ראלעס ביי די ניו יארק סטעיט באר אסאסיאציע און איז געווען טשעיר פון די באורד פון פאמיליע פלאנירונג אדוואקאטן פון ניו יארק סטעיט. איידער'ן גיין צו געזעץ שולע, האט מס. ריווערא אנגעהויבן איר קאריערע אלס א לעגיסלאטיווע אסאסיעט אין די ניו יארק סטעיט אסעמבלי מערהייט פירער'ס אפיס. מס. ריווערא איז א גראדשזועט פון די יוניווערסיטי פון אלבאני, וואו זי האט באקומען א BA אין אנטראפאלאגיע און א MA אין פאליטישע קאמיוניקאציע. זי האט באקומען א JD פון אלבאני געזעץ שולע און איז אנגענומען צו ארבעטן מיט דעם אין ניו יארק.

**רעי גוליען** איז אויפגענומען געווארן אלס **דירעקטער פון לעגיסלאטיווע אפעירס.** מר. גוליען האט פארדעם סערווירט אלס הויפט עדווייזער פאר לעגיסלאטיווע אפעירס פון די ניו יארק עקזעקיוטיוו טשעימבער. ער האט אויך סערווירט אלס דעפיוטי סעקרעטאר פאר אינטער-רעגירונגס אפעירס פאר ניו יארק סטעיט אסעמבלי רעדנער קארל היסטי און א ראיאנישע קאארדינעיטער פאר די ניו יארק סטעיט אסעמבלי אפיס פון קאמיוניקאציעס און אינפארמאציע סערוויסעס. אויך, האט מר. גוליען געארבעט אלס א קאארדינעיטער פאר די דעמאקראטישע אסעמבלי קאמפיין קאמיטי. ער האט אנגעהויבן זיין קאריערע אין די אפיסעס פון קאנגרעספרוי ניקי צאנגאס און קאנגרעסמאן דאן מאפאי. קומענדיג פון דרום בראנקס, מר. גוליען האט א BA פון SUNY אסוועגא.

**מאטהיו פענעלאו** איז אויפגענומען געווארן אלס **דירעקטאר פון קאבינעט אפעירס.** לעצטנס, האט מר. פענעלאו סערווירט אלס דירעקטאר פון לעגיסלאטיווע און אינטער-רעגירונגס אפעירס פאר די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון שטייער און פינאנץ (NYS Department of Taxation and Finance). פארדעם, האט ער סערווירט אין די ניו יארק סטעיט עקזעקיוטיוו טשעימבער אלס ספעציעלע געהילף פאר'ן גאווערנער פאר לעגיסלאטיווע אפעירס, ראיאנישע פארטרעטער פאר די מאוהאוק וואלי, און געהילף דירעקטאר פאר צענטראלע ניו יארק אינטער-רעגירונגס אפעירס מיט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר. ער האט אויך סערווירט אלס א פאליסי עדווייזער פאר די סיטי פון סיראקיוז. מר. פענעלאו האט אויך געפירט און געארבעט אויף לאקאלע, קאנגרעשינעל און איבער'ן סטעיט קאמפיינען אין ניו יארק סטעיט. ער קומט פון קארטלאנד און האט באקומען זיין BA אין פאליטישע סייענץ און עקאנאמיקס פון SUNY קארטלאנד, וואו ער האט אויך פארדינט א SUNY פארשונג פעלאושיפ שטודירנדיג די ווירקונג פון טעראר אויף פארגעשריטענע קאנסטיטושאנעל טעאריע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן